**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת עקב, י"ג מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד,

## דאס רענצל פון דאגות: די עצה פונעם מאדזשיצער רבי'ן

הייליגע, פרייליכע און לוסטיגע אידישע קינדער.מיר דארפן זיך כסדר איבערחזר'ן: דער הייליגער באשעפער שיקט פאר אידישע קינדער פארשידענע מצבים. עס זענען דא מצבים למעלה, עס זענען דא מצבים באמצע, און עס זענען דא מצבים למטה. **דער הייליגער באשעפער וויל מיר זאלן זיך שטארקן אין יעדן מצב. א מענטש האט נסיונות, א מענטש האט געפילן פון א בשר ודם, א מענטש האט נאטורן און געברויכן – דאס אלעס איז אמת. אבער צום סוף וויל דער אייבערשטער אזוי ווי דער "אמרי שאול" פון מאדזשיץ פלעגט זאגן: איינער האט אים אמאל געפרעגט, אז היות ער גייט אדורך אזויפיל שוועריגקייטן אין לעבן – ער איז דאך דורכגעגאנגען די קריג און מיטגעמאכט אזויפיל צרות – וויאזוי קען זיין אז ער איז שטענדיג פרייליך? האט ער געענטפערט, אז ער לייגט אריין אלע דאגות, אלע צרות און אלע פראבלעמען אין א רענצל. איינמאל א טאג עפנט ער דאס רענצל, ער קוקט זיך אביסל אום אויף זיינע דאגות און צרות, און תיכף לייגט ער אלעס צוריק אריין אין רענצל און גייט ווייטער אן מיט זיין טאג.**

א איד דארף וויסן אז אפילו מיר זענען נאר בשר ודם, און נאך מער פון דעם, דער רבונו של עולם וויל אונז מעורר זיין מיט די אלע שוועריגקייטן כדי מיר זאלן ווערן נאנט צו אים, מיר זאלן כאפן אן התעוררות, האבן א טיפע מחשבה, א קלער, און תשובה טון מיט א תשובה שלימה וכדומה.

ער זאגט אז דאס איז נאר איינמאל א טאג; פאר א פאר מינוט עפנט מען דעם רענצל. אבער א מענטש שלעפט נישט מיט זיך קיין פעקלעך, א מענטש שלעפט נישט מיט זיך קיין זארגן, און א מענטש שלעפט נישט מיט זיך קיין שוועריגקייטן. וואס מען שלעפט יא איז שמחה, אמונה, גליקליכקייט, פנים מאירות און לעכטיגקייט.

## דער סוד פון קבלת עול מלכות שמים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז דא א מורא'דיג ווארט פונעם הייליגן "מאור ושמש" אויף פרשת בשלח. עס שטייט אין די פרשה אז די אידישע קינדער האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און געזען די מצרים, זיי האבן זיך דערשראקן און אנגעהויבן שרייען צום הייליגן באשעפער. משה רבינו האט זיי געזאגט: "האט נישט קיין מורא, שטייט און קוקט, איר וועט זען א גרויסע ישועה וואס דער אייבערשטער וועט שיקן."

אויף דעם פרעגט ער: וואס איז געווען דער פחד? וואס איז געווען דער פחד בעצם פון די אידישע קינדער? זיי האבן דאך פאראויס געוואוסט אז די מצרים גייען זיי נאכלויפן. משה רבינו האט זיי אלעס פאראויס געזאגט, און ער האט זיי אויך געזאגט אז זיי גייען גראטעוועט ווערן. אויב אזוי, וואס האבן זיי געזען ביי די מצריים וואס האט זיי אזוי דערשראקן, וואס זיי האבן זיך נישט געריכט דערויף? זאגט דער הייליגער "מאור ושמש"

מען זעט אז ווען א מענטש געפינט זיך חלילה אין א צרה שלא תבוא, איז די איינציגסטע עצה וואס ער קען דעמאלטס טון זיך מחזק צו זיין דורך מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים. ער זאל אויסשרייען און זאגן "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". דאס איז א מנהג ביי כלל ישראל, ומנהגן של ישראל תורה היא. מען דארף זיך אבער אריינטראכטן: פון וואו שטאמט דער דאזיגער מנהג?

אויף דעם זאגט דער "מאור ושמש", אז דער עיקר מצוה פון קריאת שמע איז צו זאגן קריאת שמע מיט מסירות נפש. וואס מיינט מסירות נפש? אז א מענטש זאל שטענדיג זיין גרייט מקדש צו זיין שם שמים, נישט נאר ווען עס גייט אים גוט, נאר אפילו בעת הניסיון.

יעצט, מצות קריאת שמע איז דאך א מצוה תמידית, א מצוה וואס גייט אן שטענדיג. ווען אידישע קינדער זענען געווען אין ארץ ישראל, איש על מחנהו ואיש על דגלו, מיט דעם בית המקדש, דעם קדשי קדשים, און די געוואלדיגע השראת השכינה, ווען עס זענען געווען די מלכי בית יהודה, האט קיין שום אומה ולשון נישט געקענט שולט זיין אויף אידישע קינדער. אויב אזוי, איז לכאורה נישט שייך געווען צו לייענען קריאת שמע מיט מסירות נפש, ווייל קיין איין גוי איז נישט געקומען איבעררעדן א איד חלילה ער זאל כופר זיין אינעם בורא כל עולמים רחמנא ליצלן. טא, וויאזוי האבן זיי געהאט מסירות נפש?

זאגט אויף דעם דער "מאור ושמש", אז די עיקר מסירות נפש וואס אידישע קינדער האבן דעמאלטס געהאט, איז געווען מקבל צו זיין עול

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מלכות שמים באהבה, מיט א תשוקה און א גלוסטעניש צום אייבערשטן, זיך מדבק צו זיין אין דעם אור אין סוף ברוך הוא. און פון דיא געוואלדיגע אהבה, פון די געוואלדיגע דביקות וואס ער באהעפט זיך אין דעם אור העליון, וויל ער פשוט אויסגיין פארן אייבערשטן. ער וויל פשוט אויסגיין, זיין נשמה זאל צוריקגיין און זיך באהעפטן צום באשעפער. **ער שפירט אזא מתיקות און אזא ליבשאפט, אז ער וויל פשוט ארויסגיין פונעם גוף אין עולם הזה; ער וויל זיך צוריק מדבק זיין, און זיין נשמה הקדושה זאל צוריק ארויפגיין.** אזא מענטש דארף נישט האבן קיין גשמיות'דיגע נסיונות, ווייל דאס אליין איז זיין מסירות נפש.

## מסירות נפש און דביקות אין א שווערע צייט

אידישע קינדער, ווען זיי זאגן "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" בשעת עס איז דא א צרה אדער שווערקייטן חלילה, דארף מען וויסן אז די נסיונות קומען פונעם הייליגן באשעפער. דער הייליגער באשעפער וויל זען וויאזוי אידישע קינדער זענען מקבל זיין עבודה מיט זיינע גזירות און מיט דעם עול וואס ער לייגט ארויף אויף אונז, אבער מיט אן אהבה, מיט א דביקות הבורא, און מיט אן אמת'דיגע תשוקה אויסצוגיין פארן אייבערשטן.

מיר זאגן שבת ביי מנחה "ועל מנוחתם יקדישו את שמך". דאס מיינט אז בשעת אידישע קינדער האבן מנוחה און זיי האבן נישט קיין צער, דעמאלטס גייט א איד אויס מיט א פשוט'ע מסירות נפש פארן אייבערשטן. מיר האבן געזען ביי די מצרים אז ווען זיי זענען צוגעקומען צו א מדרגה פון יראת השם, האבן זיי געדאווענט מתוך יראה. אבער א תפילה וואס קומט בלויז מתוך יראה, קען נאך חלילה וחס לאזן א שליטה פאר מדת הדין אויף כלל ישראל.

דערפאר האט משה רבינו געזאגט: ניין, נישט אזוי דאווענט מען! "אל תיראו" – נישט מיט די מדת היראה. נאר "התיצבו וראו", מען זאל צוקומען צו די מדרגה פון די מלאכים וואס ווערן אנגערופן "נצבים". מען דארף דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי מלאכים, מקבל זיין עול מלכות שמים, און זיך פשוט אויסגיין פון ליבשאפט, ווי עס שטייט "נכספה וגם כלתה נפשי" – אויסצוגיין פארן הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, טראכט אריין אין די ווערטער: א איד, ווען ער טראכט פון זיין אייגענע אהבה, פון זיין אייגענעם כבוד, פון זיין אייגענעם רעספעקט און זיין אייגענער חשיבות — וואס ליידער, רחמנא ליצלן, קען מען זאגן אז ניינציג פראצענט פונעם טאג טראכטן מיר נאר פון דעם: פון "איך", "מיך" און "זיך", סיי אין מחשבה, סיי אין דיבור און סיי אין מעשה. אסאך מאל ווען א מענטש האט א געוויסע תאוה צו א געוויסן כבוד, אדער צו א געוויסן מאכל, ער גייט ממש אויס דערפאר און קען זיך קוים באהערשן. קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אלף אלפי פעמים און ריבי רבבות פעמים, דארף א מענטש אזויפיל אריינטראכטן אין גדלות הבורא, אין אהבת הבורא, אין דעם גוטס וואס דער אייבערשטער טוט, אין די מתנת חינם וואס דער אייבערשטער געבט, און אין די רחמים וחסדים וואס דער אייבערשטער באשיסט אויף אונז, ביז ער זאל פשוט אויסגיין מיט מסירות נפש פארן אייבערשטן.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'הייבט זיך טאקע נישט אן גלייך אויף אזא הויכע מדרגה, אבער מ'הייבט עס אן צוביסלעך. ווען מ'רעדט פאזיטיוו, מ'רעדט פונעם אייבערשטן און פון די גוטסקייט פונעם אייבערשטן, מ'זוכט אין יעדע זאך דעם גוטן און מ'טרעפט דעם גוטן, ברענגט מען ארויס די גדלות פונעם אייבערשטן. מ'לערנט ספרי מוסר וחסידות וואס ברענגען ארויס די גדלות פונעם באשעפער; מ'לערנט מדרש, מ'לערנט תנא דבי אליהו, און מ'לערנט די ספרים וואס קאכן זיך דערין אריין, ווי למשל דעם "באר מים חיים". דאס דארף אונז צוברענגען צו ווערן אויפגעקאכט – קאכן, קאכן און קאכן – אז דאס הארץ זאל אויסגיין. א מענטש זאל שפירן: "איי, רבונו של עולם, איך וויל אויסגיין פאר דיר, איך וויל זיין מדבק, מיין נשמה זאל זיין אזוי דבוק אין דעם אין סוף ברוך הוא, אז איך זאל נישט האבן קיין שום מקום אויף דער וועלט." דאס איז מסירות נפש, און דאס איז די עכטע עבודה פון א איד.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דעמאלטס שפירט מען נישט קיין שום צרה אדער ענגשאפט, ווייל די אלע זאכן זענען ביי א מענטש בטל ומבוטל כעפרא דארעא. קעגן די ליבשאפט, די גדלות הבורא און דאס דביקות הבורא, זענען די אלע זאכן ביי אים גארנישט מיט נישט, הבל הבלים.** מ'קען טייטשן אז דאס איז דער פשט פון "ונפשי כעפר לכל תהיה" – מיין זעל זאל זיין ווי שטויב פאר יעדע זאך; דער גאנצער עולם הזה זאל אויסקוקן ווי עפר וואס האט נישט קיין שום טעם, ווייל ער האט אזוי שטארק ליב דעם אייבערשטן.

## די מעשה פונעם פרנקפורטער רב: שלום איז דאס וויכטיגסטע

עס איז געווען א גרויסער גאון, רבי נתן מאז, רבי נתן בן רבי שלמה מאז פון אפענבאך. ער איז געווען דער ראש בית דין אין פראנקפורט דמיין. עס ווערט געברענגט אין ספר "זכרון לראשונים", אז איינמאל איז געווען א שווערע דין תורה אין פראנקפורט צווישן צוויי גרויסע

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

גבירים, חשוב'ע אידן פון די שטאט פראנקפורט. רבי נתן מאז איז דאך געווען דער ראש בית דין, און ער האט געפסק'נט פונקטליך אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך "לא תגורו מפני איש" – ער האט נישט מורא געהאט פון קיינעם. ער האט ארויסגעגעבן דעם דעת תורה, דעם אמת'דיגן פסק.

איינער פון די בעלי דינים, איינער פון די עשירים, האט נישט ליב געהאט דעם פסק. ער איז אריין אין א כעס און זיך אויסגעדריקט מיט געוואלדיגע אומאיידעלע ווערטער קעגן דעם רב, דעם ראש בית דין, קעגן דעם גאון וקדוש. ער האט גערעדט מיט א קאלטקייט און מיט א דערנידעריגונג, זייער אומאיידל. דער גאון רבי נתן מאז, אנשטאט ער זאל ווערן באליידיגט און באשטראפן דעם גביר זיך אנצונעמען פאר כבוד התורה – וואס לויט די הלכה וואלט ער אים אפילו געקענט מנדה זיין און לייגן אין חרם – האט אים דער גאון אויסגעהערט רואיגערהייט, מיט א ווארעמקייט און מיט געפיל. מיט א געוואלדיגע הכנעה און שפלות הרוח פון "ונפשי כעפר לכל תהיה", און מיט א מסירות נפש לה' ולתורתו, האט ער אים אויסגעהערט מיט א גאנצע רואיגקייט.

נאכן דין תורה איז יעדער אהיימגעגאנגען. דער רב, רבי נתן מאז, האט געשיקט א שליח צום גביר מיט א שיינע מתנה לכבוד שבת, און ער האט צוגעלייגט אז דער שליח זאל אים איבערגעבן אז אויב ער האט אים ווייטגעטון בשעת'ן דין תורה, בעט ער אים איבער און ער וויל ער זאל אים מוחל זיין.

דער גביר האט געזען די צדקות, די אהבת ישראל, די שפלות הרוח, די ענווה און די תיקון המידות פון דעם רב. ער האט דאך געוואוסט דעם אמת אז ער איז דער וואס האט באוועלט דעם רב, און דער רב האט אים גארנישט שלעכטס געטון. ער האט באקומען אזעלכע חרטה געפילן, אז ער איז געלאפן צום רב, געפאלן צו זיין פיס, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אז דער רב זאל אים מוחל זיין פארן אים אזוי מבזה זיין.

**רבי נתן האט אים מוחל געווען מיט א געוואלדיגע ענווה און מיט אן אמת'ע אהבת ישראל, אהבת התורה און אהבת הקדוש ברוך הוא. ער האט צוגעלייגט די ווערטער: "דער תפקיד פון א דיין איז נישט צו געווינען, דער תפקיד פון א דיין איז צו ברענגען שלום צווישן אידן."**

**דאס איז א מעשה וואס מען דארף מפרסם זיין, סיי צווישן די דיינים, די יושבי על מדין, וועלכע דארפן געדענקען די מורא'דיגע ווערטער פון רבי נתן מאז. רבי נתן מאז האט געזאגט אז דער תפקיד פון א דיין איז נישט בלויז צו געווינען, נאר צו ברענגען שלום צווישן אידן.**

## יעדער מענטש איז א דיין אין זיין אייגן לעבן

אבער מיר האבן זיך אריינגעטראכט, אז בעצם זענען מיר אלע דיינים. מיר געבן ארויס פסקי דינים אויף יעדן מענטש וואס קומט מיט אונז אין בארירונג, איבער וואס ער דארף אונז טון, וואס ער דארף אונז געבן און וואס נישט, וויאזוי ער דארף צו אונז רעדן, און וויאזוי ער דארף אונז מכבד זיין. מיר ווערן אין כעס און אויפגערעגט אויף מענטשן ווייל זיי פירן זיך נישט אויף צו אונז אזוי ווי מיר האבן גע'פסק'נט אז יענער דארף זיך אויפפירן, האלטנדיג אז דאס איז דער יושר, דאס איז תורה'דיג און דאס איז ערליך. איך האב עס גע'פסק'נט, און יענער ווערט משועבד דערצו.

אבער רבי נתן מאז האט טאקע גע'פסק'נט א דין תורה על פי תורה, און אפילו הכי איז ער נישט באליידיגט אדער בייז געווארן. נאר וואס דען? ער האט געוואלט אנהאלטן זיין תפקיד אלס דיין, וואס דער תפקיד איז צו האלטן שלום בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דו ביסט יא א דיין, און דו פסק'נסט שאלות פונקטליך וואס יעדער איינער דארף דיר זאגן און וואס ער דארף דיר נישט זאגן, וויאזוי ער דארף זיך אויפפירן צו דיר און וויאזוי ער דארף זיך נישט אויפפירן צו דיר. דו ביסט דאך א גרויסער מורה הוראה, דו פסק'נסט שאלות פאר אלע אידן וואס קומען מיט דיר אין בארירונג. זאלסטו וויסן א יסוד: אויב ביסטו א דיין, איז א דיין'ס תפקיד נישט צו געווינען, נאר צו ברענגען שלום צווישן אידן. זאלסט שטענדיג פסק'ענען אלע דיינע פסקים אויף אן אופן אז עס זאל זיין אהבה, אחוה, שלום ורעות ביים כלל ישראל.**

און ממילא זאלסטו פסק'ענען אז יענער איז גערעכט, זאלסט פסק'ענען אז יענער האט גארנישט געמיינט, זאלסט פסק'ענען אז דו דארפסט אים מוחל זיין, און פסק'ענען אז דו דארפסט אים ליב האבן. אנשטאט פסק'ענען קנאה, שנאה, תאוה, כבוד, מחלוקת, קריגעריי און פירוד לבבות, געב ארויס א פסק דין אז דו דארפסט מאכן זיכער צו ברענגען שלום בעולם; נישט אז יענער דארף ברענגען שלום בעולם, נאר אז

דו אליין דארפסט ברענגען שלום בעולם.

**טון דעם רצון השם אין דעם יעצטיגן מאמענט**

א הפלא ופלא'דיגע רעיון, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מצוה לפרסם. אין ספר "בנין שלמה" ווערט דארט געברענגט די יוגנט יארן פון רבי נתן באך מיט זיין טאטע רבי שלמה פון אפענבאך, און צוליב דעם ווערט דער ספר גערופן "בנין שלמה".

פארציילט מען דארטן, אז אלס יונג בחור איז דער גאון רבי נתן שוין געווען באקאנט אלס א גרויסער עילוי; ער האט נישט מסיח דעת געווען פונעם לערנען אפילו קיין איין מינוט. איין יאר ערב יום כיפור פאר מנחה, האט זיין טאטע רבי שלמה געזען אז ער שטייט מיט א רמב"ם און ער איז אינגאנצן דבוק; ער פארקוקט זיך אינעם רמב"ם מיט אזא מתיקות, אז ער האט פשוט פארגעסן אז ער דארף גיין עסן די סעודה המפסקת.

זיין טאטע רבי שלמה איז צוגעגאנגען צו אים מיט א געוואלדיגע ליבשאפט און ער האט צוגעמאכט דעם ספר, דעם רמב"ם, און אים געזאגט: "נתן מיין קרוין, די תורה זאגט 'ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחדש', און חז"ל לערנען ארויס אז ווער עס עסט און טרינקט אינעם נייניטן טאג פון תשרי, ווערט אים גערעכנט כאילו ער האט זיך געפאסט סיי ט' תשרי און סיי י' תשרי, יום כיפור. **דערפאר איז היינט א גרויסע מצוה צו עסן. אויב דו לערנסט אן א חשבון פון עסן, פעלט דיר אין די קבלת עול פון דעם היינטיגן טאג." אזוי האט ער אים געזאגט.**

נו, דער רבי נתן איז דאך געווען א פארצייטישער מוסטער פון כיבוד אב ואם. מיט גרויס כבוד האט ער אויסגעהערט דעם טאטן און מקבל געווען וואס דער טאטע האט געזאגט. ער האט צוגעמאכט די ספרים און איז געגאנגען עסן די סעודה המפסקת.

אין די שפעטערע יארן פלעגט רבי נתן זאגן פאר זיינע תלמידים אין פראנקפורט: "דער שמועס מיט מיין טאטן האט מיר אויסגעלערנט א יסוד פאר'ן גאנצן לעבן: **א איד דארף שטענדיג טון וואס דער באשעפער וויל יעצט! נישט וואס מיין שכל אדער מיין הארץ גלוסט מיר צו טון, אפילו ווען עס האנדלט זיך אין רוחניות.** טון דארף מען וואס עס שטייט אין די תורה, וואס עס שטייט אין שולחן ערוך, און וואס די מסורה פאדערט. דאס דארפן מיר טון. א איד דארף טון דעם רצון השם, און נישט זיינע אייגענע רצונות, אפילו אין רוחניות."

און ביי יעדע זאך וואס א מענטש טוט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דארף ער אוועקשטעלן די יסודות. אין אזא מצב, וואס וויל דער אייבערשטער איך זאל טון? וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר? נישט שטענדיג קען מען דאס וויסן, אבער וואס וויל דער אייבערשטער איך זאל *יעצט* טון? דאס קען מען שוין אויסחשבונ'ען, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווייל דער אייבערשטער וויל שטענדיג עס זאל זיין שלום. מיר זאגן דאך א ברכה ביים דאווענען, "המברך את עמו ישראל בשלום". דאס איז נישט סתם א ברכה, דאס איז א תביעה פאר כלל ישראל. א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט איז נצחי לעולמי עולמים. א ברכה וואס דער אייבערשטער גיט איז אן התחייבות. אז עס איז דא א ספעציעלע ברכה אויף שלום, איז דאס אן התחייבות פאר יעדער איד זאל ארייןלייגן קאפ און מוח אין דעם ענין פון שלום.

**די חשיבות פון א ווארעמע זיסע "יהללוך": צוריקברענגען דעם פינטעלע איד**

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט: "ושמרת את מצות ה' אלקיך ללכת בדרכיו וליראה אותו". זאלסט וויסן, אז אויב דו וועסט היטן די מצוות, דו וועסט ליב האבן דעם אייבערשטן און מורא האבן פאר אים, וועט דיר דער אייבערשטער אריינברענגען אין ארץ ישראל — א גוט לאנד וואס האט גוטע קוואלן וואסער, אן "ארץ חטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון ארץ זית שמן ודבש". דער אייבערשטער זאגט דיר צו, אז עס וועט דיר זיין אזוי גוט אויף די וועלט אויב דו וועסט היטן די תורה און אנערקענען איר חשיבות.

ס'ווערט געברענגט אין ספר "ויגד יעקב", אז איינער פון די גרויסע תלמידים פונעם "ערוגת הבושם" – א בחור א תלמיד חכם מיט א שארפן קאפ וואס האט געלערנט תורה מיט גרויס התמדה – האט זיך איין טאג פארגלוסט צו גיין שטודירן אין דייטשלאנד. דער בחור האט געהאלטן אז דאס וועט אים ברענגען געלט, כבוד און סיפוק; ער וועט שטייגן, וואקסן און ווערן א חשוב'ער מענטש. ער האט פאר קיינעם נישט דערציילט פון זיינע פינסטערע פלענער. בין הזמנים, ווען יעדער איז אהיימגעפארן, איז אויך ער אהיימגעפארן פון ישיבה.

נאך בין הזמנים, אנשטאט צו נעמען א באן צוריק קיין ישיבה צום ערוגת הבושם, האט ער גענומען א באן קיין דייטשלאנד כדי צו קענען שטודירן. אויפן וועג האט זיך די באן אפגעשטעלט אין א שטאט אויף עטליכע שעה. אזוי ווי ער האט געוואוסט אז ער האט יעצט צייט, האט ער זיך אריבערגעכאפט אין א בית המדרש דארט אין שטאט צו קענען דאווענען שחרית. ס'איז געווען ראש חודש. ווען דער בחור איז

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אנגעקומען ביים סוף פון הלל צו די ברכה פון ״יהללוך״, **האט ער זיך דערמאנט אינעם זיסן נעימות׳דיגן קול פונעם הייליגן ערוגת הבושם, ווי ער פלעגט זאגן ״יהללוך״ מיט א פלאם פייער, מיט א געשמאקן נוסח און מיט א זיסקייט. די ווארעמקייט און די זיסקייט פון דעם ״יהללוך״ האבן אויפגעוועקט זיין אידישן פונק, דעם פינטעלע איד. ער האט זיך געגעבן א טראכט: ״וואס טוט זיך דא?״ ער האט צונויפגעקלאפט די הענט און אויסגערופן: ״וואס? דאס איבערלאזן?!״ ער האט נאכאמאל צונויפגעקלאפט די הענט און געזאגט: ״וואס, דאס איבערלאזן?!״**

איבערלאזן די ישיבה הקדושה פונעם הייליגן רביין און גיין שטודירן אין דעם טמא׳נעם דייטשלאנד? די טומאה פון די משומדים און פון די גויים, גיין שטודירן, רחמנא ליצלן! ער האט זיך גענומען וויינען מיט ביטערע טרערן, ער איז שנעל געלאפן צום באן און צוריקגעפארן קיין חוסט. ער איז צוריק אריין אין די ישיבה, און ער איז אויסגעוואקסן א רב בישראל. ער איז אויסגעוואקסן א חשוב׳ער רב, געשטעלט א חשוב׳ע שטוב, א מרביץ תורה און א מורה הוראה בישראל.

הייליגע לעכטיגע קינדער, ווען א איד דאווענט, ווען א איד זינגט זמירות, שירות ותשבחות, האט עס אזא השפעה אויף אים, אויף זיינע קינדער, אויף זיינע תלמידים, און אויף יעדער איינער וואס הערט און זעט זיין עבודת התפילה און זיין עבודת התורה. הייליגע לעכטיגע קינדער, מיר יעדער דארפן טראגן די אחריות פאר א זיסע אידישקייט, א ווארימע אידישקייט. אפילו עס קען אמאל זיין אז די קינדער האבן נישט אזויפיל געדולד, מאך דיך נישט וויסנדיג, ברענג עס אריין מיט א ווארימקייט און מיט א ליבשאפט. די ווארימע, ליבליכע, הייליגע און לעכטיגע זמירות, שירות ותשבחות און דברי תורה גייען אריין אין די רמ״ח אברים און שס״ה גידים פון א מענטש, און עס קומט א מינוט ווען דער פלאם קאכט אויף.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז די מעלה פון ״פנים מאירות אש״בש״. מען קאכט פאר זיך, פאר די קינדער, פאר די תלמידים און פאר אנדערע אידן, אז ווען עס קומט א נסיון, גיט מען זיך אוועק דערפאר און מען שטארקט זיך קעגן די אלע ״שטודירטע״ און קעגן די אלע גוי׳אישע מהלכים; מען איז זיך מדבק אין דעם תורה׳דיגן מהלך, און דער פינטעלע איד וועקט זיך אויף, דער זיסער איד וועקט זיך אויף. דאס ברענגט אזוי נאנט צום אייבערשטן און מאכט אונזער לעבן אזוי זיס. ״פנים מאירות אש בדת״ פועל׳ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגקייט תמיד, אמן כן יהי רצון.

# <u>הלכות כיבוד אב ואם</u>

### א מעשה נורא איבערן קשר צווישן כיבוד אב ואם און שמירת שבת

בסיעתא דשמיא, דער צוועלפטער שיעור אין הלכות כיבוד אב ואם, צען מינוט. עס איז דא א ספר ״אמרי יעקב״ פון רבי יעקב מאיר שפיצער שליט״א, א זון פון הגה״צ רבי אברהם חיים שפיצער זכרונו לברכה, וואס דארט געפינט זיך א ספעציעלע אפטיילונג איבער כיבוד אב ואם.

אין סימן ז׳ ברענגט ער אזוי: ער האט געטראפן רבי אפרים זלמן שטערנבוך שליט״א, א זון פונעם גרויסן גאון רבי משה שטערנבוך שליט״א. רבי אפרים זלמן פירט א ישיבה, און אלס ראש ישיבה האט ער דערציילט פארן בעל מחבר פונעם ספר ״אמרי יעקב״ א הפלא׳דיגע מעשה בענין כיבוד אב ואם.

ער האט דערציילט אזוי: יארן צוריק האט געלערנט ביי אים אין ישיבה א גאר חשוב׳ער בחור, א ירא שמים און אן עובד ה׳. ער איז געווען שטארק אפגעהיטן אין שמירת עיניים; ער האט זיך בכלל נישט אויסגעקענט אין די גאסן, און פלעגט זיך נישט דרייען אינדרויסן נאר גיין פון אינדערהיים צו די ישיבה און צוריק ווען עס האט אויסגעפעלט. ער איז געווען א מתמיד עצום, און בלויז שבת אליין פלעגט ער לערנען צוועלף שעה רצופות.

### אן אומפארשטענדליכע שוועריגקייט מיט שמירת שבת

איין טאג איז דער בחור, א תלמיד זיינער, צוגעקומען צו אים און זיך באקלאגט אז יעדן שבת ווערט ער נכשל אין חילול שבת, רחמנא ליצלן. נישט קיין חילול שבת דאורייתא, אבער ער איז עובר אויף איסורי דרבנן יעדן שבת, און ער פארשטייט נישט פארוואס דאס געשעט מיט אים. ער האט געמאכט א חשבון הנפש אבער ער האט נישט געקענט טרעפן קיין שום סיבה פארוואס ער זאל דורכפאלן יעדן שבת מיט א חילול שבת, אן איסור דרבנן.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איין טאג איז דער טאטע פון דעם בחור געקומען צום ראש ישיבה, הגאון רב שטערנבוך, און ער האט אים געזאגט אזוי: דער בחור איז א חשוב׳ער בחור, אבער ער איז זייער מזלזל אין כיבוד אם. נישט חס ושלום אז ער וויל מצער זיין די מאמע, ער איז אן ערליכער און א דורכגעטראכטער בחור, אבער ער כאפט נישט אז ער טוט איר וויי. ״וואס טוט ער?״ האט דער ראש ישיבה געפרעגט. האט דער טאטע געענטפערט: **יעדן ערב שבת רופט ער אהיים און זאגט: ״מאמע, אלעס איז געוואלדיג דא, א גוט שבת!״ און ער לייגט גלייך אראפ דעם טעלעפאן. ער שמועסט נישט מיט איר, און די מאמע האט גרויס צער פונעם ענין.** דער טאטע שפירט אז וויבאלד דער בחור ליגט אין לערנען, ער הארעוועט, שטייגט און וואקסט, איז ער נישט באקוועם אים מעורר צו זיין; ער האט נישט די קלארקייט וואס צו זאגן און וויאזוי עס צו זאגן, דערפאר בעט ער פונעם ראש ישיבה הרב שטערנבוך ער זאל רעדן מיט׳ן בחור.

**דאס הארץ פונעם מאמען און די השפעה אויפן בחור**

דער ראש ישיבה האט אריינגעטראכט: דא רעדט זיך דער בחור אפ, אז יעדן שבת ווערט ער נכשל בשוגג מיט חילול שבת, און פון די אנדערע זייט רעדט זיך דער טאטע אפ, אז ער איז מזלזל אין כיבוד אם. ער האט אריבערגערופן דעם בחור און אים אזוי געזאגט: ״דו געדענקסט וואס מ׳איז געקומען בעטן אן עצה, אז דו זאלסט האבן א שמירה נישט נכשל צו ווערן אין חילול שבת?״ ״יא,״ ענטפערט דער בחור.

**דער תורה-קוואל: פארוואס שבת און כיבוד הורים גייען אינאיינעם**

זאגט ער אים: ״הער מיך אויס. עס זענען דא צוויי מצוות וואס שטייען אין די תורה אין איין פסוק אין פרשת קדושים: ׳איש אמו ואביו תיראו ואת שבתתי תשמרו׳. אז עס שטייט אין איין פסוק, איז דאס א סימן אז עס האט א שייכות. שבת איז א ברית צווישן דעם אייבערשטן און כלל ישראל, ווי עס שטייט: ׳לעשות את השבת לדרתם ברית עולם. ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם׳. דורך שבת איז א איד זוכה זיך מדבק צו זיין אין די שכינה הקדושה.״

כיבוד אב ואם ברענגט אויך אז מ׳זאל זוכה זיין זיך צו באהעפטן און זיך מדבק זיין מיט די שכינה הקדושה. ווי די גמרא זאגט אין מסכת קידושין דף ל׳, ווען א מענטש איז מכבד זיין טאטע און מאמע, זאגט דער אייבערשטער: ״ס׳ווערט פאררעכנט כאילו איך וואוין צווישן זיי, און זיי זענען מיך מכבד.״ קומט אויס אז ווען א מענטש איז מכבד זיין טאטע און מאמע, איז ער זוכה צו השראת השכינה; דער אייבערשטער וואוינט צווישן זיי. דער הייליגער באשעפער רוט צווישן די מענטשן וואס זענען מכבד זייערע עלטערן.

יעצט זאל זיך א מענטש פארשטעלן: דער כהן גדול האט געווארט א גאנץ יאר אויף דעם הייליגסטן טאג פון יאר אריינצוגיין אין די קדשי קדשים, אין די השראת השכינה. א איד וואס איז מקיים כיבוד אב ואם, זאגט דער אייבערשטער אויף אים: ״איך וואוין צווישן אים, איך וואוין ביי אים.״ ער אליין ווערט א חדר, א שטוב פון קדשי קדשים.

אזוי האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר דעם בחור. האט דער בחור געענטפערט אז ער איז טאקע זייער מקפיד אויף כיבוד אב ואם; ער טוט אלעס וואס ער קען און ער זעט נישט אז ער זאל האבן סיי וועלכע פגם אין דער מצווה. האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: ״וויאזוי ביסטו מכבד דיין מאמע?״ זאגט ער, אז יעדן ערב שבת רופט ער אהיים. ״און וואס זאגסטו איר?״ האט דער ראש ישיבה געפרעגט. ״מאמע, אלעס איז בסדר, געוואלדיג, א גוט שבת,״ און ער גייט גלייך ווייטער לערנען.

זאגט ער אים: ״מיין טייער קינד, **טייערער בחור, דו ווייסט, דיין מאמע זיצט און ווארט זי זאל קענען שמועסן מיט דיר, זי זאל דיך קענען אויספרעגן און דיר פארציילן זאכן, און דו זאלסט איר פארציילן. זי וויל זיין אריינגעמישט אין דיין לעבן; זי וויל שפירן אז זי איז א חלק פון דיין לעבן, אזוי ווי דו ביסט א חלק פון איר לעבן און א חלק פון די משפחה. דיין מאמע דארף נישט דיינע חידושי תורה; זי פארשטייט עס נישט, אבער א מאמע האט א געפיל זיך אויסצושמועסן און צו פירן א שותפות׳דיג לעבן.** עס טוט איר זייער וויי ווען דו זאגסט בלויז ׳אלעס איז גוט, געוואלדיג׳ און מ׳לייגט גלייך אראפ דעם טעלעפאן.״

ער האט צוגעלייגט, אז הגם דער חזון איש איז געווען א געוואלדיגער מתמיד, פלעגט ער יעדן טאג גיין שמועסן מיט זיין מאמע. אזוי זעט מען ביי אסאך גדולים וואס האבן פארברענגט פיל צייט צו שמועסן מיט זייער מאמע און זיך אפגעגעבן מיט די עלטערן, משתף פעולה זיין און ווייזן אז ״דיין לעבן אינטערעסירט מיך, און מיין לעבן אינטערעסירט דיך,״ און מ׳האט זיך אויסגעשמועסט.

ער האט מסביר געווען פארן בחור ווי וויכטיג דאס איז, און דער בחור האט עס מקבל געווען און געגאנגען ווייטער. ער האט קיינמאל נישט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת עקב יג מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

געפרעגט דעם בחור וואס עס איז געווארן מיט אים. רב שטערנבוך פארציילט, אז דער תלמיד האט שוין חתונה געהאט, און לעצטנס ווען ער האט אים געטראפן, האט ער אים דערציילט אז ער מאכט שוין א בר מצוה פארן צווייטן זון. דאס טייטש אז ער איז שוין היפש פיל יארן ארויס פון ישיבה. אבער ער האט געזאגט פארן ראש ישיבה: "אנטשולדיגט וואס איך בין נישט צוריקגעקומען זאגן, אבער יא, ראש ישיבה, פון ווען איך האב אנגעהויבן מקפיד צו זיין אויף כיבוד אם, ארויסצוגעבן מיינע געפילן און געבן צייט פאר מיין מאמע צו שמועסן, האט זיך די חילול שבת אויפגעהערט."

**די געוואלדיגע שמירה און ברכה פון משתף זיין די עלטערן**

הייליגע, לעכטיגע, אידישע קינדער, דאס איז דאך נישט קיין פשוט'ע זאך. ווער וויל דען נישט מקיים זיין הלכות שבת און שמירת שבת כהלכתם מיט אלע הידורים? דאס איז דאך א געוואלדיגע שמירה. די שמירה קומט ווייל אום שבת קומט דער אייבערשטער צווישן אונז, און אזוי אויך ברענגט כיבוד אב ואם דעם אייבערשטן צווישן אונז. ווען מ'איז מקייםביידע אויפאיינמאל, איז די השראת השכינה אין לשער ואין לתאר. אבער ווען מ'איז מזלזל, חלילה וחלילה, פארלירט מען די השראת השכינה, און איינס אויף די אנדערע ווערט א פגם. דער ענין איז א זייער וויכטיגער ענין.

מ'זעט היינט סיי ביי בחורים, סיי ביי מיידלעך און סיי ביי חתונה געהאטע קינדער; די עלטערן פרעגן: "וואס טוט זיך?", "אלעס פיין, אלעס גוט." "וואס טוט זיך עפעס אינטערעסאנט?", "גארנישט." מ'טוט נישט מיטטיילן מיט די עלטערן.

הייליגע לעכטיגע קינדער, זאלט איר וויסן: עלטערן — נישט קיין חילוק ווי אלט זיי זענען, צי הונדערט יאר, ניינציג יאר, אכציג יאר, זיבעציג יאר, זעכציג יאר, פופציג יאר, אדער פערציג יאר — ס'איז נישט קיין חילוק ווי אלט מען איז, **עלטערן לעכצן מיטצולעבן מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך און מיט די אור-אייניקלעך. זיי לעכצן אז די קינדער, די אייניקלעך און די אור-אייניקלעך זאלן זיי משתף זיין אין זייער לעבן.** מען דארף זיך אסאך אריינטראכטן אין דעם, אויסצושמועסן מיט די עלטערן, איבערצושמועסן מיט זיי און זיי פארציילן וואס עס טוט זיך. עלטערן זענען נישט קיין פרעמדע מענטשן, עלטערן זענען בלוט און פלייש; מען דארף זיי אסאך משתף זיין, באטייליגן און מיטברענגען אין אונזער לעבן, ווייל אויב נישט האבן זיי צער.

און אויב דו טוסט עס, אפילו עס קען זיין אז ס'איז דיר אומבאטעמט אדער שווער, ברענגט דאס אז דו זאלסט זיין אין די בחינה פון קדשי קדשים. דאס היט דיך אפ דו זאלסט היטן שבת, און דאס ברענגט דיר אלע גוטע זאכן, "למען ייטב לך". דאס ברענגט דיר אריכות ימים, אלעס גוטס און אלע ברכות המשולשות בתורה, "אך טוב וחסד".

וואס טוט א מענטש נישט כדי צו האבן אזויפיל גוטס? א מענטש טוט דאך אלעס אין דער וועלט ער זאל האבן גוטס. דא האסטו די גרויסע מצוה: דערצייל פאר די עלטערן, מאך די עלטערן משתף אין דיינע ענינים, באטייליג זיי און באטייליג זיך אין זייערע ענינים, קאך זיך אריין און לעב זיך אריין אין דעם. וועט דער אייבערשטער העלפן דו וועסט האבן השראת השכינה, דו וועסט קענען היטן שבת און די גאנצע תורה כולה, און עס וועט דיר גוט זיין און דו וועסט מאריך ימים זיין מיט הצלחה, ברכה און סיעתא דשמיא.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211